# יודען, געדענקט די רדיפות אויף אייערע ברידער אין דייטשלאנד


płata pocztowa uiszczona ryczałtem

NAJER FOLKSBLAT

הייגט 20 זייטען (טאבעלע פון דער מלוכה־לאטעריע — זעה זייט 4) פרייז 30 גראשען

# נייער פאלקסבלאט

№ 17 | Łódź, Piątek, 19 stycznia 1934 r. | צוועלפטער יאהרגאנג | לאדז, פרייטאג, ג׳ שבט תרצ״ד | № 17

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71


בעקאנטמאכונג.

די בעוואוסטע טאנץ־שולע פון

## דעמבינסקי און ווינטרויב

3 פיראמאווישא 3 איז פון היינט אן טעטיג.
שילער און שילערינס ווערען איינגעלאדען צאהלרייך
אונז צו בעזוכען.

בעם דער זאל ווערט פערמיטען אויף חתונות און חינוך׳ס.

---

א הארציגען מזל־טוב
ווינשען מיר ה׳

## שלום פלום און פרוי

צום געבורט פון זייער

## טעכטער׳ל

און ווינשען א גרינגע דערציהונג

דוד זילבערבערג,
הערמאן גראסמאן,
בנימין זילבערבערג,
פינחס ווייגטרויב.

---

Z intencji zaręczyn członka Zarządu
kol. **Bernarda Rakowskiego**
z p. **Eugenją Moszkowiczówną**
serdeczne życzenia składa
**Zarząd Świetlicy „Grone-Młodzieży"**
przy Stow. NOSEN-LECHEM w Łodzi.

---

Z intencji zaręczyn Przewodn. Kom. Rew.
kol. **Salomona Chalfiego**
z p. **Salą Kozelówną**
serdeczne życzenia składa
**Zarząd Świetlicy „Grone-Młodzieży"**
przy Stow. NOSEN-LECHEM w Łodzi.

---

אונזער חשוב׳ען חבר און וויצע-פרעזעס,
פרנס ה׳ **משה בענדעל**
צו דער חתונה פון זיין טאכטער לאה מיט ה׳ יצחק
זאנדמאן גראטולירט און ווינשט א הערצליכען מז״ט
די פערוואלטונג פון קליינהענדלער־פעראיין, אנראדאווא 10.

---

מזל־טוב! צו דער זילבערנער חתונה
פון אונזער פריינד און פערוואלטונגס־מיטגליד
ה׳ **שמואל זיסמאן** מיט זיין פרוי
ווינשט מזל־טוב און א גליקליכע דערלעבונג
צו א גאלדענע חתונה.
די פערוואלטונג פון צייטונגס־פער־שפרייטער־פאריין, פאמארסקא 15

---

צו דער פערלאבונג פון אונזער ליבען זוהן
און ברודער
ה׳ **יצחק נחום ליטווין** (לאדז)
מיט פרל. **אלטע יאקובאוויטש** (קאנסטאנטין)
ווינשען מיר זיי פיל גליק און צופרידענהייט אויף
זייער נייעם לעבענסוועג.
עלטערן: חיים מאיר ליטווין און פרוי
ברידער: נחמן, נתן, הערש, יעקב און אהרן ליטווין

---


זאל גאנץ לאדז וויסען!

אז דעם גרעסטען אויסוואהל פון

## מעבעל

— ווי: —

**שלאפצימער, עסצימער, גאבינעטען**

ווי אויך אנדערע געגענשטענדע בעקומט מען נאר
ביי דער איבעראל בעוואוסטער פירמע

## ח. לאזניק

לאדז, גדאנסקא 44, טעל. 162-56.



שוין די לעצטע טעג

אויף פיעטריקאווער 59 געוו. „Rogów"
פון גרעסטען אנאטאמיש־פאטאלאגישען

## מוזעאום

וואס בעזיצט 6 אפטיילונגען, איבער 1000 עקספאנאטען,
זעלטענע נאטור־ערשיינונגען פון דער וועלט ווי: צוויי
צוזאמענגעוואקסענע קינדער (Sjami) א ציקלאפ מיט
איין אויג, א קינד מיט 2 פנים׳ער א. ז. וו.
אפען טעגליך פון 11 פריה ביז 11 אווענד.

◆ איינטריט נאר 25 גר. ◆


## קאנפעקציאנערען!

מיר מאכען בעקאנט, אלע לאדזער קאנפעקציא־נערען, אז אויף דער גרינדונגס־פערזאמלונג, וועלכע איז פארגעקומען מיטוואך, ד. 17 יאנואר ה. י. איז אויסגעוועהלט געווארען א פערוואלטונג פון פאלגענדע פערזאנען: פרעזעס: י. לענקאווסקי, וויצע־פרעזעס: ח. הערצבערג און מ. וועגווייזער. סעקרעטאר: ל. קארן, ש. לענקאווסקי, י. לאסמאן, ש. מעש, א. מ. ניגנאלד, מ׳ גערשענאוויטש, ה. הויזער, מ. פאטאצקי.

זונטאג, דעם 21 ד. ח. פינקטליך 7 אווענד קומט פאר אין אייגענעם לאקאל, פאמארסקא 15

### א פערזאמלונג,

אויף וועלכער ס׳וועלען בעריהרט ווערען זעהר אקטועלע און וויכטיגע פראגען.

מיטגלידער און נישט מיטגלידער ערשיינט צאהלרייך.

די פערוואלטונג פון דער
קאנפעקציאנערען־סעקציע ביים צענטראלען
קליינהענדלער־פעראיין, פאמארסקא 15.

---

## אכטונג, בעקער־מייסטער אין לאדז!

מארגען, שבת, ד. 20 יאנואר, 6 א זייגער אווענד
קומט פאר אין אייגענעם לאקאל פילסודסקיעגא 57

א דרינגענדע

## אלגעמיינע פערזאמלונג

**פון אלע בעקער־מייסטער אין לאדז**

צוליב דער וויכטיגקייט פון דער טאג־ארדנונג, אויף וועלכער ס׳וועט צווישען אנדערען בעהאנדעלט ווערען די זונטאג־פראגע, ווערען אלע בעקער־מייסטער אין לאדז געבעטען פינקטליך צו קומען אין דער אויבענדערמאנטער בעשטימטער צייט.

קיין איין בעקער־מייסטער זאל נישט פעהלען אויף דער פערזאמלונג.

די פערוואלטונג פון
**בעקער־צעך אין לאדז.**

---


בית יתומים
זגערזשער 40.

ענגלישער זאל
אל. 1־טער מאי 2.

מארגען, שבת, ד. 20 יאנואר ה. י. 10 אווענד טרעפען מיר זיך אויפ׳ן

## גראנדיעזען ראוט

פאר׳ן „בית־יתומים" זגערזשער 40

!!! פיל אטראקציעס! — דזשאז־ארקעסטער !!!
!!! טאנץ ביז פריהמארגען !!!



עלעגאנטע דאמען און עלעגאנטע הערען

קויפען שיך נור ביי

## A. Ogórek

**ŁODŹ, ZAWADZKA 11.**



דאס ארטאדאקסישע גימנאזיום

## „בית־אולפנא"

פיעטריקאווער 111, טעל. 176-46

איז מודיע, אז אויפ׳ן 2 טען האלב־יאהר ווערען אנגענומען שילער אין אלע קלאסען. פאר די שילער, וועלכע זענען נישט פארבערייט אין די יודישע למודים, זענען איינגעארדענט ספעציעלע אווענד־קורסען פאר אלע יודישע למודים פון עברי ביז תלמוד.

די עקזאמענס הויבען זיך אן דעם 16 סטיטשען 1934 ג׳ פ׳ בא כ״ט טבת. די קאנצעלאריע איז אפען אין די צייט פון פעריען פון 1 סטיטשען זונטאג, דינסטאג און דאנערשטאג פון 10 ביז 1 פארמיטאג.

די דירעקציע און די פערוואלטונג.


---

W 3-cią rocznicę śmierci naszej nieodżałowanej koleżanki

## B. P. Reginy Lerer

zawiadamiamy, iż w **Niedzielę**, dnia 21 stycznia 1934 r. o godzinie **11** rano odbędzie się na cmentarzu żydowskim **nabożeństwo żałobne**, na które krewnych, przyjaciół i znajomych zaprasza

**Zarząd Świetlicy „Grona-Młodzieży"**
przy Stow. Nosen-Lechem w Łodzi.

---

זונטאג, דעם 21 יאנואר ד. י. צום 2־טען שמערצליכען
יאהרצייט פון אונזער ליבסטען און אונפערגעסליכען

## נ״ע אברהם שלעזינגער

וועט אויפ׳ן בית־החיים, פינקטליך 12 א זייגער בייטאג פארקו־מען **א הזכרה** צו וועלכער עס ווערען געבעטען אלע קרובים, פריינד און בעקאנטע.

**די פאמיליע.**

# שבת הגדול און קורצער פרייטאג



קורצער פרייטאג: ווייסט איהר נישט, פאַנ׳ע שבת־הגדול, ווי בראָדוויאַן הייסט אויפ׳ן נאָמען?
שבת־הגדול: ס׳ווענדט זיך.
קורצער פרייטאג: וואָס הייסט, ס׳ווענדט זיך?
שבת־הגדול: ס׳ווענדט זיך: געהט ער אַליין, הייסט ער: משה. געהט ער מיט זיין ווייב, הייסט ער — ניסן.
קורצער פרייטאג: וואָס עפּעס ניסן?
שבת הגדול: ווייל ער געהט נעבען אייר (איהר).

## א בריף פון דער סעקרעטארקע
### צום הער דירעקטאר

די סעקרעטאַרקע פון אַ היגען פעראיין איז קראַנק געוואָרען אויף אַ גריפּע. האָט זי געשריבען א בריף צום דירעקטאָר:
„פּאַניע דירעקטאָושע!
כ׳בין שטאַרק פערקיהלט, כ׳ליג אין בעט מיט שטאַרקע היץ און פערבלייב איביג צו אייער דיס־פּאָזיציע. מיט אַכטונג
בראָניאַ.

## קונסט און פּענסיע

טעאַטער - דירעקטאָר (צו די אַרטיסטען): די פּענסיעס וועט מען מאָרגען אויסצאָהלען.
אַרטיסט: פאַרוואָס נישט היינט?
דירעקטאר: ווייל היינט שפּילט מען אַ דראַמע, וועט איהר האָבען צו־פרעהליכע פּנימער.

## די וואונדער פון מאטעמאטיק

— מאַטעמאַטיק, זאָגט דער לעהרער, איז אַ זעהר אינטערעסאַנטע לעהרע. וועלכע ענטהאַלט אינטערעסאַנטע קאָמבינאַציעס. איך בעהם, למשל, דעם יאהר פון מיין געבורט, און טו איהם טאָפּלען מיט׳ן נומער פון מיין טעלעפאָן, דערפון נעהם איך אראָפּ מיין ווייבס יאָהרען, שטעלט זיך אַרויס דער נומער פון מיין קראַגען.

## קארנאוואל

פרוי (צום מאַן): אַלס וואָס זאָל איך מיך פער־קליידען אויף דער היינטיגער מאַסקאַראַדע?
מאַן: פאַר אַ פרוי...

## אין „העלענאוו"

אין „העלענאָוו" ביים „אוזשיוועץ" ווינטער־ספּאָרט שפּאַצירט אַ פּאָרעל. צוקומענדיג צו דער שטייג מיט מאַלפּעס, פרעגט זי דעם בחור:
— וועגען וואָס טראַכסטו איצט, העַרמאַן?
— פון דיר, מיין טייערע, נאָר פון דיר.

## א נאריש קינד

— פאַרוואָס ווייגט איהנס קינד אַזוי שטאַרק?
— ווייל מיין מאַן איז געשטאָרבען און דאָס נאַרישע קינד מיינט, אַז ער האָט נישט קיין טאַטע.

## ווי אזוי מ׳בעקענט זיך
### אין אַ באַלוטער קינא

ער: כ׳האָב אַהין דאַכט זיך, דעם שבת נאָכמי־טאָג געזעהען אין יידישען טעאַטער.
זי: שאַרען זי דיך אָפּ פון דאַנען. איך בין נישט געווען אין טעאַטער.
ער: איך בין אויך נישט געווען — מיין באַ־מען איז העניעק לאַטש.
זי: און איך הייס גוטשע קלוסקע.
ביידע: ס׳איז מיר זעהר אָנגענומען.
ער: קומען זי, ער איך איהן פונדעווען אַ טשאַנגאָווקע.

## א בעקאנט פנים
### אין אַ היגען פעראיין

סעקרעטאַר: (צום פרעזעס): איהר ווייסט, פּאַ־ניע פּרעזעסע, ווען איך זעה אייך, דערמאַנט איהר מיך אַ בעקאַנטע פּערזענליכקייט.
פרעזעס: וועמען?
סעקרעטאַר: אין דאַרווינען!...

## א בעשייניגונג פאר דער שולע

די מוטער שרייבט אַ בריוועלע צום לעהרער:
„מיין טאָכטער האָט נעכטען נישט געקענט גיין אין דער שולע ווייל זי האָט געוואָלט געהן אויף דער לויה פון איהר געוועזענעם לעהרער. איך האָב דעם קינד נישט געקאָנט אָפּזאָגען דאָס פערגעניגען.

## אין דער שולע

לעהרער: די זילבערשטיין, די האָסט שוין ווי־דער פערגעסען מיטצוברענגען דעם האַלמער! די האָסט שוין געזעהען אַ זעלנער אָהן אַ ביקס?
שילער: יאָ, אַ פּולקאָווניק.

## די ליבע איז בלינד

מוטער (צו דער טאָכטער): זאָג מיר, פּעפּע, ווי אַזוי קענסטו דיך דענצידירען, חתונה צו האָ־בען מיט יאַקובן? ער פערדינט דאָך קוים 20 זל. אַ וואָך?
טאָכטער: ביי אונז שטאַרקע ליבע איז אַ וואָך — אַ טאָג.

## ביי אויפגעקומענע

אויפגעקומענע ניידית׳טע (צו דער דינסט):
— כאַלטשע ווייס נאָר נישט אַז אין בעטע־ריזער דערלאַנגט מען אַ בריף אויף אַ טעלער?
דינסט: אויף אַ מילכיגען צי אויף אַ פליישי־גען?

—=:00:=—

## נעקראלאג
### אין אַ היגען רעסטאראַן

אין אַ היגען רעסטאָראַן וואו די געסט האָבען געהאַט אַ טבע צו עסען און נישט בעצאָהלען, האָט דער אייגענטימער די טעג ביי דער קאַסע אַרויס־געהאָנגען אַ קלעפּפּאַרדע מיט אַ שוואַרצען ראַהם:
אין טיפען טרויער טיילען מיר מיט, אַז אייער אַלוועמענס ליבער

## נ"ע קרעדיט

איז ליידער געשטאָרבען. וואָס מיר טיילען מיט. איז גרויס צער. מיר בעטען נישט צו קאָנדאָלירען, נאָר צו בעצאָהלען ביי דער קאַסע.

דער טיפבעטריבטער
אייגענטימער.

---

# דער קונדס

הומאר • סאטירע •

צוזאמענגעשטעלט פון אב—נעק •

ביילאגע צום „נייעם פאלקסבלאט" נומער 17 פרייטאג, דעם 19 יאנואר 1934

# אַ נ־אַריש פּנים...



דאקטאר: נאך דער אפּעראַציע וועט איהר דרייסט לעבען פּאהרען קיין דייטשלאַנד.
חולה: פאַרוואס?
דאקטאר: ווייל איהר וועט האבען אַ ב־אַריש פּנים...

